בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פּוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי (באר"י בַּמִּדְבָּר)

256

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 51**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


יֶעדֶעס קִינְד קֶען מֶען מַאכְן פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶער אָדֶער פַאר אַ צַדִּיק.........................א
מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי טֶערָאר אַטַאקֶע .........................ה
דַארְף מֶען אִיבֶּערְלָאזְן אַבִּיסְל פוּן דָאס עֶסְן?.........................ז
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם?.........................ט
אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר זָאל אִיךְ לֶערְנֶען? ......................... יא
וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי צוּגֶעבִּינְדֶענְקֵייט צוּ שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן? .........................יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


כָּל זְמַן עֶס אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעכְט מֶען נִישְׁט .........................א
אַז עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן יֶענֶעם.........................א
תְּהִלִּים שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוְון.........................ב
עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ זוּכְן אוֹיף וָואס צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן.........................ב
אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶוען .........................ג
וִוי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי וַוייבּ?.........................ד
עֶס אִיז לִיגְנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ יָא לִיבּ.........................ה
וִוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ .........................ה
נֶעמְט אַייךְ פָאר אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד דִי בַּת מִצְוָה .........................ו
אַן אֱמוּנָה פַאבְּרִיק.........................ו
מִיר דַארְפְן הִילְף זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן פוּנֶעם בֵּית הַדְפוּס .........................ז

אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר אַלֶעמֶען לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן.................................ח

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶש צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ...................................................ט

וִוי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת?.........................................ט

הַאלְטְן רֵיין אִינְדְרוֹיסְן, דִי בֶּערְן זָאלְן נִישְט קוּמֶען...............................יב

נִישְט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט קֶעגְן צַדִיקֵי אֱמֶת.....................יב

אִיר זָאלְט וַוייטֶער זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.............................................יג

שְׁוַוייגְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֶנְטְפֶער.................................................יג

הֶעלְפְן יֶענֶעם גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער................................................טו

לַ"ג בָּעֹמֶר שְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן................................טז

קֶענְסְט הֶערְן זַאכְן בִּשְׁעַת דוּ לֶערְנְסְט סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד...........................טז

זֶע צוּ מְסַיֵים זַיין סֵפֶר תִּקוּנֵי זוֹהַר אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר.................יז

גוּטֶע גְרוּסְן פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם........................................יח

דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָה...............יח

אַ מְנֻוָל וָואס לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער, דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה................יט

הוֹיב אָן צוּרִיק הֲפָצָה, וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט.................................כ

גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד........................................כא

מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶערֶע דִין וְחֶשְׁבּוֹן וִוי אַנְדֶערֶע...........................כב

נֶעם אַ חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.............................................כב

אַז עֶס אִיז דָא אִינְטֶערְנֶעט, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים..............................כג

וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְש? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק.................................כד

מֶען זִינְגְט בַּר יוֹחָאִי דֶעם שַׁבָּת פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר.......................................כו

תִּיקוּנֵי זוֹהַר וֶועט דִיר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.................................כז

תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז וִוי אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה.......................................כז

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים.......................................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## יֶעדֶעס קִינְד קֶען מֶען מַאכְן פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶער אָדֶער פַאר אַ צַדִּיק

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין מַיין כִּתָּה וָואס הָאבְּן גֶעקוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בּוֹיסְט אוֹיף דִי קִינְדֶער, דוּ גֶעבְּסְט זֵיי אַ וֶועג זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען קֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ שְׁלֶעכְט קִינְד אוּן מֶען קֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ צַדִּיק; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּד, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ נִיגוּן דֶער מְלַמֵּד זִינְגְט פַארְ׳ן קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד הֶערְט טָאג אוּן נַאכְט: ״בִּיסְט וואוֹיל״, ״בִּיסְט וֶוערְד״, ״בִּיסְט טֵייעֶר״, ״קֶענְסְט

יָא", "קֶענְסְט גוּט", "וֶועסְט זַיין אַ צַדִיק" - דֶער נִיגוּן וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַ צַדִיק, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען עֶר הֶערְט אַ קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה (שְׁמוֹת לב, יח), מֶען קְלַאפְּט אִים, מֶען זָאגְט אִים: "בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט", "דוּ בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד", "בִּיסְט אַן עֶקְלְדִיג קִינְד" - אִיז דָא אַ קְלֵיינֶע הָאפֶענוּנְג אַז עֶפֶּעס זָאל וֶוערְן פוּן דֶעם קִינְד.

דִי הֵייליגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ב) "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ", הֵיילִיג זָאלְט אִיר זַיין, "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם", (וַיִּקְרָא רַבָּה כד, ט): "יָכוֹל כָּמוֹנִי, תַּלְמוּד לוֹמַר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי", טַייטְשְׁן דִי צַדִיקִים דָאס אוֹיס נִישְׁט בִּלְשׁוֹן פְרַאגֶע: "יָכוֹל כָּמוֹנִי?" נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "יָכוֹל", דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען "כָּמוֹנִי" - צוּ דִי גְרֶעסְטֶע, הֶעכְסְטֶע אוּן הֵייליגְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וִוי אַזוֹי? "תַּלְמוּד לוֹמַר", זָאלְסְט אַסַאךְ זָאגְן אוּן חַזֶרְ'ן: "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי" - "אִיךְ בִּין הֵיילִיג", "אִיךְ בִּין גוּט", "אִיךְ בִּין אַ אִיד", "אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא"; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע, הֶעכְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְדִים צוּ וִויסְן, זֵיי זָאלְן אַסַאךְ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֵיי רוּפְן מִיט שֵׁיינֶע לְשׁוֹנוֹת, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן: "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי", אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַמָאל אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט, מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט גוּט, אַדְרַבָּה, עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דֶער קִינְד אִיז גָאר גוּט אוּן טַאקֶע פַארְדֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אוֹיף אִים, דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ מֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹרְשֵׁי נְשָׁמוֹת.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ זַיין אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן שִׁפְרָה אוּן פּוּעָה, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט לֶעבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּחוּמִין הֲלָכָה ו, אוֹת יח) דִי צַדִיקִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "מְיַלְּדוֹת הָעִבְרִיּוֹת", וַוייל זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק צוּ לֶעבֶּעדִיג מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יא:) וָואס אִיז דִי נָאמֶען שִׁפְרָה אוּן פּוּעָה? שִׁפְרָה, "שֶׁמְּשַׁפֶּרֶת הַוָּלָד", זִי מַאכְט שֵׁיין דֶעם קִינְד, פּוּעָה, "שֶׁפּוֹעָה וּמְדַבֶּרֶת וְהוֹגָה

לַוָּלָד כְּדֶרֶךְ הַנָּשִׁים הַמְפַיְּסוֹת תִּינוֹק הַבּוֹכֶה", זי רֶעדְט צום קִינְד, אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר פון פְּרוֹיעֶן וָואס רֶעדְן שֵׁיין צום קִינְד, בַּארוּאִיגְן דָאס קִינְד פון וֵויינֶען; זָאגְט רֶבִּי נָתָן, דָאס טוּעֶן דִי צַדִּיקִים, 'שִׁפְרָה' זֵיי מַאכְן שֵׁיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זוּכְן אוֹיף אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זֵיי ווַייזְן פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ 'קוּק בִּיסְט יָא שֵׁיין, בִּיסְט יָא וֶוערְד, הָאסְט אִין דִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס'. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְן דִי צַדִּיקִים אָנְגֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן 'פּוּעָה', "כִּי כֵן הוּא מַמָּשׁ עִסְקֵי הַצַּדִּיקִים עִם יִשְׂרָאֵל", דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "שֶׁפּוֹעִין וְהוֹגִין וּמְדַבְּרִין עִמָּהֶן וְשׁוֹרְקִין וּמְצַפְצְפִין וּמְרַמְּזִין אֲלֵיהֶם", זֵיי רֶעדְן, זִינְגֶען, פַּייפְן, קְוִויטְשְׁקֶען און ווִינְקֶען, "לְחַזְּקָם", זֵיי צוּ שְׁטַארְקְן, "לְעוֹרְרָם", זֵיי אוֹיפְצוּאֲוֶועקְן, "וּלְהַגְבִּיהָם", זֵיי אוֹיפְהֵייבְן, "וְלַהֲרִימָם", זֵיי דֶערְהֵייבְן, "מִכָּל מִינֵי נְפִילוֹת וִירִידוֹת וְהַשְׁלָכוֹת שֶׁלָּהֶם", פון וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן און פַארְוָוארְפְן, "שֶׁיִּזָּרְזוּ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת לְהִתְעוֹרֵר מֵחָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה' בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכְלוּ לַחֲטֹף", זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְוֶועקְן און אָנְהוֹיבְן פוּנְדָאסְנֵיי, "וְהוּא מַמָּשׁ כְּדֶרֶךְ שֶׁמְּפַיְּסִין תִּינוֹק הַבּוֹכֶה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת פּוּעָה", מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דִי פְּרוֹיעֶן וָואס בַּארוּאִיגְן אַ קִינְד פון וֵויינֶען, "וְהַדְּבָרִים מוּבָנִים לְכָל אֶחָד לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ רַחֲמָנוּת הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת עָלֵינוּ אֲשֶׁר עַל יָדָם ה' יִתְבָּרַךְ מְחַזֵּק וּמְנַחֵם אוֹתָנוּ", דָאס אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַּאר דִי וָואס וֵוייסְן דִי רַחְמָנוּת פון דִי אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים, וָואס דוּרְךְ זֵיי הֶעלְפְט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און טְרֵייסְט אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "כְּאִישׁ אֲשֶׁר אִמּוֹ תְּנַחֲמֶנּוּ כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם" וְכוּ'.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעכַאפְּט קוּקְן עֲבֵירוֹת, זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זֵיי גֶעלֶערְנְט דָאס נִישְׁט צוּ טוּן און זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ ווַייטֶער טוּן; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֵיילִיג, זָאלְסְט זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן, זֵיי זָאלְן וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְדוּשָּׁה. הַיינְט אִיז מִיר ווִידֶער אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, אוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר אִיז אַ אִינְגְל צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא צְווֵיי קִינְדֶער וָואס זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען צוּזַאמֶען אַ זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מָאווִי.

וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא פַאל?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. מֶען קֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד, דִי מְלַמְּדִים הִיטְן דִי וֶועלְט, אוֹיף זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הֵייבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר אִין דִי הַקְדָּמָה (דַּף א): ״מָאן מְקַיֵּם עָלְמָא״, אוֹיף וֶועמֶענְס זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט? ״וְגָרִים לַאֲבָהָן דְּאִתְגַּלְיָן״, אִין וֶועמֶענְס זְכוּת וֶוערְן אַנְטְפְּלֶעקְט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת? ״קַל יְנוּקֵי דְּלָעָאן בְּאוֹרַיְתָא״, אִין דִי זְכוּת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. ״וּבְגִין אִנּוּן רַבְיָין דְּעָלְמָא״, אִין דִי זְכוּת פוּן דִי קִינְדֶער, ״עָלְמָא אִשְׁתְּזִב״ - הִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט. ״לְקָבְלֵיהוֹן (שִׁיר הַשִּׁירִים א) תּוֹרֵי זָהָב נַעֲשֶׂה לָךְ, אִלֵּין אִנּוּן יְנוּקֵי רַבְיָין עוֹלְמִין״, תּוֹרֵי זָהָב, דָאס זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ״דִּכְתִיב (שְׁמוֹת כה) וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב״.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה; זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַדִּבּוּר. וֶועסְט זֶען

עַל פִּי רוֹב נָאכְן רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז עֶס שְׁווִימְט אַרוֹיף מַעֲשִׂיּוֹת, קִינְדֶער קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וְכוּ'. אַז אַ קִינְד אִיז דִיר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז קִינְדֶער קוּקְן עֲבֵירוֹת זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער, יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, אוּן אוֹיסְפְּרֶעגְן; וֶוען מֶען פְּרֶעגְט אוֹיס קִינְדֶער דַארְף מֶען זֵיי וַוייזְן פוּן אֵיין זַייט שְׁטַארְקַייט, אוּן אוֹיךְ רַחְמָנוּת; דֶער קִינְד דַארְף ווִיסְן אַז עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עַוְלָה, אָבֶער נָאר אַז מֶען וַוייזְט אִים אַז עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר הָאט אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוּן מֶען וֶועט אִים קֶענֶען מַאכְן פַאר אַ צַדִיק; אַז מֶען וַוארְפְט אַ שְׁרֶעק, אַ מוֹרָא - קֶען זַיין עֶר וֶועט מוֹדֶה זַיין, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז עֶר וֶועט פוּן יֵאוּשׁ גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן.

אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָּאר - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף אַלֶעס מוֹחֵל, אָבֶער בַּיי דֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף", אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

אוֹיב עֶס פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער נָאר אַז עֶס וֶועט הֶעלְפְן, זֵיי וֶועלְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער.

זַיי שְׁטַארְק, גֵיי אָן בַּיי דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...]

### מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת הָאב אִיךְ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי טֶערָאר אַטַאקֶע

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נֶעכְטְן נַאכְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע נֶעבְן מַיין שְׁטוּב, מַיין ווַייבּ אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יֶענֶעם גַאס וואוּ עֶס הָאט פַּאסִירְט, אַלֶעס אִיז

גְלַייךְ גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁפַּארְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע זַייטְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעזָאגְט צוּ מִיר אַלֵיין: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר", אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעלָאפְן אִין גַאס, דִי טֶערָארִיסְטְן זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועקְגֶעלָאפְן, אִיךְ הָאבּ אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט טֵייל קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה פוּן פָּאלִיצֵיי אוּן הַצָּלָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע'חַזֶר'ט מִיט זֵיי אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, אוּן מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאבּ פְּלַאצִירְט דִי קִינְדֶער בַּיי דִי שְׁכֵנִים אוּן צוּרִיקְגֶעלָאפְן אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען מַיין וַוייבּ אוּן דִי בֶּעבִּי, אוּן אִיךְ הֶער וִוי מַיין וַוייבּ רֶעדְט אוֹיךְ צוּ זִיךְ, זִי בַּארוּאִיגְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוֹיף אוּנְז.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וֶועמֶען אוּן פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אוּנְז, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אוּנְז, אוּן וָואס עֶס דַארְף פַּאסִירְן וֶועט סַיי וִוי פַּאסִירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס פַאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ מַתָּנָה דֶער רֶבִּי! וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס שְׁרֶעקֶעדִיג פַארְלִירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט; דֶער רֶבִּי בַּאקְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע לוֹיטֶערֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעק בְּלַייבְּט מֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה.

דָאס הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי מַגֵיפָה פוּן קָארָאנֶע; אִין אָנְהוֹיבּ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעוָוארְן פַארְפַּאנִיקְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן פַּחַד, דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן מִיט אַ צַדִיק - דִי זֶענֶען אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן לֶעבְּן. אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל דִי נֵייעֶס וַוארְפְּט אַ שְׁרֶעק, אָדֶער עֶס פַּאסִירְט אַ טֶערָאר אַטַאקֶע וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דִי וָואס

הָאבְּן אֱמוּנָה - דִי קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר לֶעבְּן, און דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין צַדִיק - דִי פַאלְן חַלָשׁוּת, דִי דַארְפְן עֶנְדִיגְן זֵייעֶרֶע טֶעג און יָארְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן - בַּיי פְּסִיכִיאַטְארְן.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; אוֹיךְ גֵיי הֲפָצָה, גֶעבּ דִי גוּטֶע לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן דִי חַיִּים טוֹבִים וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז. עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק, מֶען הָאט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק, זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען אִיבֶּערְלָאזְן אַבִּיסְל פוּן דָאס עֶסְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע נִיגוּנִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי נִיגוּנִים אִיבֶּער דִי מִלְחָמָה אִין אוּקְרֵיינָא, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק. כָּאטְשִׁיג וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אַזוֹי גוּט אִידִישׁ, בַּאקוּם אִיךְ אָבֶּער אַ חֵשֶׁק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים הֶערְן דִי נִיגוּנִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט: "מִמַּה שֶּׁאַתָּה אוֹכֵל תְּשַׁיֵּר, כְּדֵי שֶׁיָּחוּל בִּרְכַּת ה' בִּמְזוֹנוֹתֶיךָ", מֶען זָאל אִיבֶּערְלָאזְן אַבִּיסְל פוּן וָואס מֶען עֶסְט, און דָאס בְּרֶענְגְט עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, וָואס טוּט מֶען מִיט דָאס עֶסְן וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער? אִיז דָאס נִישְׁט בַּל תַּשְׁחִית סְתַם אַוֶועקְצוּוַוארְפְן עֶסְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֲכִילָה, סִימָן א): "מִמַּה שֶּׁאַתָּה אוֹכֵל תְּשַׁיֵּר, כְּדֵי שֶׁיָּחוּל בִּרְכַּת הַשֵּׁם בִּמְזוֹנוֹתֶיךָ", וֶוען דוּ עֶסְט זָאלְסְטוּ עֶפֶּעס אִיבֶּערְלָאזְן כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה אִין דַיין עֶסְן.

אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת יִתְרוֹ פז:) רַבִּי שִׁמְעוֹן פָּתַח: רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים-ב ד, ב): "וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אֱלִישָׁע מָה אֶעֱשֶׂה לָּךְ", אֱלִישָׁע הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי וַוייבּ פוּן עוֹבַדְיָה הַנָּבִיא, וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן? "הַגִּידִי לִי מַה יֶּשׁ לָךְ בַּבָּיִת", זָאג מִיר, וָואס הָאסְטוּ אִין שְׁטוּבּ? "אָמַר לָהּ אֱלִישָׁע, כְּלוּם אִית לָךְ עַל מַה דְּתִשְׁרֵי בִּרְכָתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא", הָאסְטוּ דֶען אִין שְׁטוּבּ עֶפֶּעס אוֹיף וָואס דִי בְּרָכָה זָאל קֶענֶען חַל זַיין? "דְּתָנֵינָן אָסוּר לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְבָרְכָא עַל פָּתוֹרָא רֵיקָנְיָא", וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע טִישׁ, "מַאי טַעְמָא", פַאְרְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע טִישׁ? "מִשּׁוּם דְּבִרְכָּתָא דִלְעֵילָּא, לָא שַׁרְיָא בַּאֲתַר רֵיקָנְיָא", וַוייל דִי בְּרָכָה קֶען נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע טִישׁ, "וּבְגִינֵי כַּךְ, בָּעֵי בַּר נָשׁ לְסַדְּרָא עַל פְּתוֹרֵיהּ, חַד נַהֲמָא אוֹ יַתִּיר, לְבָרְכָא עֲלוֹי", דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אָנְגְרֵייטְן אַ בְּרוֹיט עֶס זָאל בְּלַייבְּן בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, "וְאִי לָא יָכִיל", אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן אַ גַאנְצֶע בְּרוֹיט, "בָּעֵי לְשַׁיְּרָא מֵהַהוּא מְזוֹנָא דְּאָכַל", דַארְף מֶען אִיבֶּערְלָאזְן אַבִּיסְל פוּן וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעסְן, "עַל מַה דִּיבָרֵךְ", אוֹיף וָואס צוּ בֶּענְטְשְׁן, "וְלָא יִשְׁתְּכַּח דִּיבָרֵךְ בְּרֵיקַנְיָא", כְּדֵי נִישְׁט צוּ בֶּענְטְשְׁן אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע טִישׁ.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר אִין פַּרְשַׁת תְּרוּמָה (דַף קנז:): "פְּתוֹרֵיהּ אִצְטְרִיךְ דְּלָא יְהֵא בְּרֵיקָנַיָּא", דֶער טִישׁ זָאל נִישְׁט זַיין לֵיידִיג, "דְּהָא לֵית בִּרְכְתָא מִשְׁתַּכְּחָא עַל פָּתוֹרָא רֵיקָנַיָּא", וַוייל דִי בְּרָכָה קוּמְט נִישְׁט בַּיי אַ לֵיידִיגֶע טִישׁ, "כְּמָה דְּאוּקְמוּהָ, דִּכְתִיב (מְלָכִים-ב ד, ב): "הַגִּידִי לִי מַה יֶּשׁ לָךְ בַּבָּיִת" וְגוֹ', אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אֱלִישָׁע, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי וַוייבּ פוּן עוֹבַדְיָה הַנָּבִיא

זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אִין שְׁטוּב וְכוּ', "וְעַל דָּא פָּתוֹרָא לָא אִצְטְרִיךְ לְאִתְחֲזָאָה בְּרֵיקָנַיָּא", דֶערִיבֶּער זָאל דֶער טִישׁ נִישְׁט זַיין לֵיידִיג, "דְּהָא בִּרְכָּאן עִלָּאִין לָא שַׁרְיָין, אֶלָּא בַּאֲתַר שְׁלִים", וַוייל דִי בְּרָכוֹת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט נִישְׁט נָאר אִין אַ פְּלַאץ וָואס אִיז גַאנְץ, "וְרָזָא דָּא", דֶעם סוֹד גֶעפוּנֶען מִיר (שְׁמוֹת לא, ו) "וּבְלֵב כָּל חֲכַם לֵב נָתַתִּי חָכְמָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט חָכְמָה אִין אַ הַארְץ וָואס הָאט שׁוֹין חָכְמָה, "וּכְתִיב", נָאךְ שְׁטֵייט (דָּנִיֵּאל ב, כא) "יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט חָכְמָה פַּאר וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין חָכְמָה, "וְעַל רָזָא דְּנָא", דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּנֶעם "שֻׁלְחָן דְּלֶחֶם הַפָּנִים, דִּכְתִיב (שְׁמוֹת כה, ל) 'וְנָתַתָּ עַל הַשֻּׁלְחָן לֶחֶם פָּנִים לְפָנַי תָּמִיד'", עֶס הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט זַיין בְּרוֹיט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיפְ'ן שֻׁלְחָן אַז דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט אִין אַ יְשִׁיבָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז, אָבֶּער נָאכְאַלְץ מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מִיט דֶעם. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, כ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרוֹיס אִין גַאס זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ תְּפִלָּה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט אוֹיפְ׳ן וֶועג זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג; אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - פַּארְמַאכְן זִיךְ אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן, עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן; אָבֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ קֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן.

דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, רַחֵם עָלַי, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי שָׁאדְן וָואס אִיךְ טוּ זִיךְ אַלֵיינְס מִיטְ׳ן נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶען פַּארְלִירְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ קוּקְן, אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ, ווייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ קֶען אִיךְ זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ זָאל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּים צוּ זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי צְווֵייטֶע מָאל בִּין אִיךְ אֵיינְמָאל אַרַיין אִין אַ וִכּוּחַ מִיט מַיין טַאטֶע, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶער פוּן דֶעם אוּן עֶס אִיז גוּט אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען אוּן יָא פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוּן פוּן דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ אַבִּיסְל קַאלְט גֶעוָוארְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהַאט אַלֶע סָארְט מְנִיעוֹת, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן דִי מִשְׁנַיוֹת, פַארְלוֹירְן דִי סִימָן וואוּ אִיךְ הַאלְט, דְרַיי טֶעג יָא גֶעלֶערְנְט אוּן אַ תְּקוּפָה נִישְׁט; אִינְמִיטְן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גְמָרָא, אַ תְּקוּפָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אַ תְּקוּפָה הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט אַלֶעס צוּזַאמֶען. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נַייעֶ סֶעט מִשְׁנַיוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט סֵדֶר זְרָעִים, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי אִיךְ גֵיי פוּן דָא אוּן וַוייטֶער, וָואס זָאל אִיךְ לֶערְנֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר? וִויפִיל זָאל אִיךְ יֶעצְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. טֵייל עֶס אַיין אוֹיף דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ צְווֵיי מָאל חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לַאנְגֶע טֶעג אוּן אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן.

דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יִשָׂשכָר דוב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; נִישְׁט מְשַׁנֶה וִויפִיל פְּרָקִים, וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, פוּן אֵיין פֶּרֶק בִּיז אַכְצְן, בִּיז הוּנְדֶערְט פְּרָקִים; דֶער עִיקָר זָאלְסְט עֶפֶּעְנֶען יֶעדְן טָאג דִי מִשְׁנַיוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא, מַה טוֹב דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי בְּלַאט גְמָרָא וָואס תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנֶען; קֶענְסְט קוּקְן אִין 'לוּחַ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', דָארְט הָאט מוֹהֲרָא"ש אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט פוּנֶעם טָאג. גְמָרָא - דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֶעס טוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר נִישְׁט עֶפֶּעְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער דֶער אָנְהוֹיבּ דַארְף זַיין אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דִי צְוֵויי לִימוּדִים שְׁטֶעלְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל נִישְׁט פַארְקְרִיכְן, מֶען זָאל בְּלַייבְּן אַ אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי צוּגֶעבִּינְדֶענְקֵייט צוּ שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ אִין קְדוּשָׁה, אִיךְ בִּין מַמָשׁ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ פַאל לֵיידֶער דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלַן, כִּמְעַט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

גְרַאדֶע הָאבּ אִיךְ אֵיינְמָאל גֶעהַאט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהַאלְטְן רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ פַאר

אַבִּיסְל מֶער פוּן צְוֵויי חֳדָשִׁים אִין אַ צוּ, אָבֶּער נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן דָא הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט. אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ נָאךְ וַוייטֶער.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס אִיז גוֹרֵם אַסַאךְ פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן עֶס לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען נָארְמַאל, אוּן אִיךְ טְרֶעף זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן אוּן וַוייזְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנֶטֶער, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק וֶוערְן אַ נָארְמַאלֶער אוּן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, דִי שִׁידוּכִים זָאלְן גֵיין גְרִינְגֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן?

אִיךְ וֶועל זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן וִוי שְׁנֶעלֶער.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס אוֹיךְ פַאר דִיר.

עֶרְשְׁטְנְס אִיז מִקְוֶה; טוֹבֵל זִיךְ אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, בִּפְרַט וֶוען דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אִין טְבִילַת מִקְוֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה".

צְוֵויטְנְס אִיז תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; זָאג דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג - קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם תִּיקּוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צב) וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם

תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער אִינְמִיטְן נִפְטָר גֶעוָוארְן, מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן״.

דְרִיטְנְס אִיז לִימוּד הַתּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָּשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פוּן פָּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת אִין לִימוּד מִשְׁנַיּוֹת; מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנַיּוֹת אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, ״מִשְׁנָה״ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ״מְשַׁנֶּה״ - וִוי מֶער מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְשַׁנֶּה אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין.

מִשְׁנַיּוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע; דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי - אִיז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרֵיינְגֶעפַאלְן.

מַה טוֹב וּמַה נָּעִים, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בְּכָל יוֹם - אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זָאגְן ח״י פְּרָקִים - זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא; לְכָל הַפָּחוֹת זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): ״׳תַּלְמוּד׳ בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַקְּלִיפָּה הַמַּחְטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת ׳לִילִית׳״, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט מֶען דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

וֶוען דוּ וֶועסְט פְּרוּבִּירְן לֶערְנֶען וֶועסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען; דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, מֶען פַארְלִירְט דִי כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען מְרַכֵּז זַיין, קָאנְצֶעטְרִירְן. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, דוּ לֶערְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי

זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר אֵיין זַאךְ, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען וֶועט שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין.

זִיכֶער וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְטְרֶעפְן מִיט לֵצִים וָואס וֶועלְן אַוֶועקְמַאכְן דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוֹיף דַיין עָתִיד; אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ", וֶוער עֶס אִיז קְלוּג אוּן נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים - טוּט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבָה, נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, "וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוּן וֶוער עֶס מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק א): "יִקְרָא אָדָם, כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֵנוּ בּוּשָׁה וּכְלִמָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ, עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ", מֶען זָאל לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט פְרֶעגְן דִי נְשָׁמָה: "הוֹיבּ אָן זָאגְן דִי חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן לוֹיפְן אִים נָאךְ דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים, זֵיי ווִילְן אִים הַרְגְ'עֶנֶען. וֶוען דִי קְלִיפּוֹת זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן - קוּמֶען זֵיי צוּ אִים פַארְשְׁטֶעלְט ווִי מֶענְטְשְׁן, זֵיי מַאכְן אִים חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק - הוֹיבְּן זֵיי אָן רֶעדְן לֵיצָנוּת קֶעגְן דֶעם צַדִּיק; אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן יֶעצְט ווִילְסְטוּ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְפְסְטוּ זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט אוֹיסְצוּהֶערְן גֶעשְׁפֶּעט אוֹיף צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם".

פֶּערְטְנְ'ס - הִתְבּוֹדְדוּת; זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוְואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן וָואס בַּאדֶערְט דִיר - זָאלְסְטוּ פַארְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט. טֵייל אַיין דִי שְׁמוּעֶס אִין דְרֵיי; אִין דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי שְׁמוּעֶס זָאלְסְטוּ נָאר

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוֹיךְ וֶוען דוּ בִּיסְט דֶערְבִּיטֶערְט - זָאלְסְטוּ זוּכְן עֶפֶּעס פִּינְטְלֶעךְ פוּן גוּטְס אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אִין דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק פוּן דִי שְׁמוּעֶס זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, זָאג אוֹיס פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, זָאג אַרוֹיס מִיט דַיין מוֹיל יֶעדֶע פְּרַט וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶועןְ, סַיי דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, סַיי דַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן סַיי דַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן זָאג צוּ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אוּן אִין דִי דְרִיטֶע חֵלֶק, דִי עֶנְדֶע פוּנֶעם שְׁמוּעֶס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן צוּ קֶענֶען אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין אוּן אִים קֶענֶען דִינֶען.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶס גֵייט אַרוֹיס אַזַא פַארְגֶענוּגְן פוּן דֶעם; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען קוּמְט מִיט טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט'ן סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר וַוארְפְּט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, אִיךְ פַאל אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן"; דִי וֶוערְטֶער מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, אַלֶע מְקַטְרִיגִים אַנְטְלוֹיפְן, זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ מְקַטְרֶג זַיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו - וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית; עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, עֶס נֶעמְט צַייט, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע טוּנְקְלְקֵייטְן אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע תַּאֲווֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## כָּל זְמַן עֶס אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעכְט מֶען נִישְׁט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיין זוּן פוּן דִי סֵדֶר הַתַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶר זָאל לֶערְנֶען פְּרִיוַואט מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; נֶעם דֶעם כְּלַל פַאר דִיר, כָּל זְמַן עֶס אַרְבֶּעט - צֶעבְּרֶעכְט מֶען נִישְׁט; אַז דַיין זוּן אִיז מְסוּדָר אִין חֵדֶר - לָאז אִים בְּלַייבְּן, אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְסוּדָר - דֶעמָאלְט פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן בֶּעסֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; תְּפִלָּה אִיז דִי טְרִיק פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן יֶענֶעם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן סא): "וְיֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, וְלֹא דַי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילּוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים", דִי אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אַז זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם אוּן יֶענֶעם - אִיז אַ גֶעלֶעכְטֶער, וַוייל זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז וְויאַזוֹי קֶענֶען זֵיי יֶענֶעם הֶעלְפְן...

בְּלַייבּ שְׁטַארְק, גֵיי נִישְׁט צוּרִיק צוּ דִי אַלְטֶע נַארִישְׁקֵייטְן - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תְּהִלִּים שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוְון

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זֶעט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִּים רֵיינִיגְט דֶעם מֹחַ, תְּהִלִּים שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוְון; דֶער לֶעבְּן וֶוערְט זִיס, דֶער לֶעבְּן וֶוערְט גֶעשְׁמַאק.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ. אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין אַייעֶר מֹחַ, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - זָאלְט אִיר אַרוֹיסְזָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

...

## עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ זוּכְן אוֹיף וָואס צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח׳ אִיָּר, כ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּיי אַ בְּרִית, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בִּשְׁעַת סַנְדְקָאוּת; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶס קוּמְט גוּטֶע צַייטְן.

װען דו װאלסט געװויסט װאס מענטשן גייען אריבער, װאס פאר א צרות עס איז דא אויף די װעלט – װאלסטו זיך נישט אפגערעדט טאג און נאכט, װאלסט געדאנקט דעם אייבערשטן פאר דיין לעבן, װאלסט אים געלויבט, װאלסט געזינגען טאג און נאכט: "שכח אייבערשטער פאר מיין לעבן"; עס איז דא אזעלכע צרות, עס האט נישט קיין פשט צו זוכן אויף װאס צו זיין צעבראכן.

כאפ א פרק משניות, כאפ א בלאט גמרא – װעט זיך דיר אלעס איבערדרייען צום גוטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## איך בין געװען נעכטן אין שטעטל, איך האב זיך זייער מחי׳ געװען

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת אמור, ח׳ איר, כ״ג לעמר, שנת תשפ״ב לפ״ק לכבוד ... נרו יאיר ברסלב, ליבערטי

דאס ביסל װאס איך בין געװען נעכטן נאכט און היינט פארמיטאג אין שטעטל – האב איך זיך זייער מחי׳ געװען; אנגעהויבן נעכטן ביי די גמרא שיעור, איך האב אזוי הנאה געהאט צו זען רוב שטעטל קומען לערנען די בלאט גמרא.

נאכדעם בין איך געגאנגען צום װאך נאכט פון דער מלמד ישראל יוסף נרו יאיר, עס איז געװען אזוי שיין צו זיצן אינאיינעם מיט אנשי שלומינו; עס איז גאר אנדערש שמועסן מיט אנשי שלומינו װי סתם שמועסן.

היינט אינדערפרי איז געװען אזוי שיין צו זען פאר׳ן דאװענען אינגעלייט זיצן און לערנען, איינער לערנט תיקונים, א צװייטער משניות און דער מיט א בית נצחי.

דאס דאװענען איז געװען שיין, ביים ברית האב איך געבעטן פאר דיר.

שפעטער בין איך געװען אין חדר און אין בית פיגא, דארט איז דאך

מַמָּשׁ אַ גַּן עֵדֶן; דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אַזוֹי רֵיין, אַזוֹי לוֹיטֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר דִי קִינְדֶער און פַאר דִי מְלַמְּדִים און מְחַנְכוֹת, קֶענְסְט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן לֵיין.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַהֵיים גֶעיָאגְט צוּ אָנְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, יֶעצְט מוּז אִיךְ אַהֵיים לוֹיפְן, מַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף מַיין הִילְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי וַוייבּ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דוּ זָאלְסְט נָאר אוֹיפְהֵייבְּן דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועט זִי וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִיר, זִי וֶועט וֶוערְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): ״אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית, אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי״, אַ פְרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִיר מַאן וָואס מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי; זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, וֶוען דֶער מַאן בּוֹיט אוֹיף זַיין וַוייבּ, עֶר מַאכְט אִיר פַאר אַ ׳יֵשׁ׳, אַ ׳כֵּלִי׳ - דֶעמָאלְט וֶוערְט זִי אֵיינְס מִיט אִים.

ווִי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי וַוייבּ? דוּרְךְ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער: ״בִּיסְט גוּט״, ״בִּיסְט טֵייעֶר״, ״בִּיסְט אַזוֹי ווָאוֹיל״, ״בַּיי מִיר בִּיסְטוּ אַזוֹי חָשׁוּב״, וְכַדוֹמֶה; דָאס בּוֹיט און הֵייבְּט אוֹיף.

וואוֹיל אִיז דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד וָואס גֶעבְּט שְׁטַארְק אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין וַוייבּ, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אִיר נִישְׁט, עֶר טוּט נִישְׁט וֵויי - דֶער לֶעבְּט שׁוֹין בְּזֶה הָעוֹלָם אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ גַּן עֵדֶן לֶעבְּן.

...

### עֶס אִיז לִיגְנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ יָא לִיבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, כ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַייךְ דָאס טְרַאכְטְן, אַז אִיר זֶענְט גָארְנִישְׁט ווערד; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אִיר זֶענְט יָא וֶוערְד, אִיר זֶענְט אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ שְׁטָאלְץ פַאר אוּנְזֶער סְקוּל - אַזַא תַּלְמִידָה.

נֶעמְט נִישְׁט אָן דִי לָשׁוֹן הָרָע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נִישְׁט לִיבּ; עֶס אִיז לִיגְנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ יָא לִיבּ.

וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אַייךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ׳ - זָאלְט אִיר זָאגְן צוּ זִיךְ: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, אִיךְ בִּין יָא וֶוערְד״.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר שִׁידוּךְ; הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אַייעֶר שַׁדְכָן.

...

### ווִי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, כ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן פוּן אוּנְזֶער סְקוּל בֵּית פֵיגָא, אוֹיךְ זָאגְן דִי טִיטְשֶׁערְס אַז אִיר זֶענְט אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיגֶע מֵיידְל.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וֶועגְן בַּאנֵייעֶן קְלֵיידֶער אִין דִי סְפִירָה טֶעג וְכוּ׳; וַוארְטְס בִּיז לַ״ג בָּעֹמֶר.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וֶועגְן אַ וַוייסֶע טַאפּ; אוֹיבּ עֶס אִיז צְנִיעוּת׳דִיג קֶענְט אִיר גֵיין אַ וַוייסֶע טַאפּ.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וְוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט אִים אַייעֶרֶע מַחֲשָׁבוֹת דִיבּוּרִים אוּן מַעֲשִׂים - דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

...

## נֶעמְט אַייךְ פָּאר אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד דִי בַּת מִצְוָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, כ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

לְכָבוֹד אַייעֶר יוֹם הוּלֶדֶת, אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן אַ בַּת מִצְוָה - זָאלְט אִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, (שְׁרַייבְּט מִיר וָואס אִיר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען לְכָבוֹד אַייעֶר יוֹם הוּלֶדֶת).

הַיינְט הָאבְּן מִיר אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט אַן אוֹיסְנַאם מֵיידְל, בִּפְרַט אִין דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִי אַייךְ צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן.

...

## אַן אֱמוּנָה פַאבְּרִיק

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, כ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין בֵּית פֵּיגָא; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מוּט אוּנְז, אַז מִיר הָאבְּן אַן אֱמוּנָה פַאבְּרִיק וואוּ מֶען וָוארְצְלְט אַריין אִין דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי קִינְדֶער אָטֶעמֶען אֱמוּנָה, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה; יֶעדֶע וָוארְט אִיז ׳אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳, ׳בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, ׳אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, ׳שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!׳

מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט בּוֹיעֶן נָאךְ אַ בִּנְיָן פַאר דִי מוֹסָד, מַמָּשׁ נֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֶען וִויל קוֹיפְן יֶעצְט אַ דְרִיטֶע בִּנְיָן פַּאר דִי קִינְדֶער; וַוייל וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף דִי נוּמֶערְן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין דְרֵיי יָאר פוּן וֶוען דֶער שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר אִיז גֶעוֶוען צֶען אִינְגְלֶעךְ אוּן צֶען מֵיידְלֶעךְ, אוּן יֶעצְט הַאלְטְן מִיר שׁוֹין אִיבֶּער הוּנְדֶערְט קִינְדֶער - דַארְפְן מִיר שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן נָאךְ פְּלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; מִיר וַוארְטְן אוּן הָאפְן דָאךְ אַ גַאנְץ יָאר צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, מִיר בּוֹיעֶן וַוייטֶער אִין אוּמַאן אוּנְזֶער בִּנְיָן, מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט דֶעם פֶערְטְן שְׁטָאק; מִיר גְרֵייטְן אַלֶעס אָן צוּ קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

גוּטֶע נַייעֶס קוּמְט אַרַיין פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מַדְפִּיסִים, זֵיי גֶעבְּן אַרוֹיס יֶעצְט סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת פוּן שְׁנַת תשפ"א; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַיֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

לְמַעֲשֶׂה וֶועט נִישְׁט זַיין דֶעם פֶּסַח שֵׁנִי דֶער חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַּארְ'ן בֵּית הַדְּפוּס, זַאכְן הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁלֶעפְּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיר דַארְפְן הִילְף זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן פוּנֶעם בֵּית הַדְּפוּס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, כ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן בַּיים בֵּית הַדְּפוּס, מִיר דַארְפְן הִילְף זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן - בִּיטֶע זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאבְרֵךְ יִצְחָק אַיְיזִיק רָאטְה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער הַיינְט נַאכְט אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם; עֶס אִיז אִיר אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל פְרִישֶׁע חַיּוּת, עֶס אִיז אִיר אַזוֹי וִויכְטִיג

צוּ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע בֶּעטֶערִי; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס, זֶע צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב אַז זִי זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַלֶעמֶען לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, כ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי, הָאסְט אָרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דִי עוֹל פוּן צָאלְן רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוֹיךְ יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ צָאלְן דִי הוֹצָאוֹת פוּנֶעם נֵייעֶם שׁוּל אִין בָּארָא פַּארְק.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָאר אִיךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל זַיין אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר אָנְגְרֵייטְן דִי נֶעמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵייעֶר נָאמֶען מִיט דִי מַאמֶעס נָאמֶען; רוּף אָן אַלֶעמֶען בֶּעטְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, אִיךְ ווִיל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַלֶעמֶען, פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת פַאר אַלֶעמֶען.

לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג, אַ הֵיילִיגֶע טָאג; מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת, בִּפְרַט בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן.

דַארְפְסְט נִישְׁט פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת, בֶּעט נָאר דִי נֶעמֶען זֵייעֶרֶע.

פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט. אִיךְ זָאג דִיר, דִי לֶעבְּן וֶוערְט זִיס, עֶס וֶוערְט גֶעשְׁמַאק.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

### זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, כ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא חָשׁוּבְ׳עֶ אוּן וִויכְטִיגֶע זַאךְ וִוי שִׂמְחָה, אוּן עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן; מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: ״עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ״.

לָאז אָפּ אַלֶע דַאֲגוֹת, אַ שָׁאד דִי דַאֲגוֹת; עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): ״אַל תָּצֵר צָרַת מָחָר״, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר וֶועגְן דֶעם מָארְגְן, ״כִּי לֹא תֵדַע מַה יֵּלֶד יוֹם״, דוּ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, ״שֶׁמָּא מָחָר בָּא וְאֵינֶנּוּ״, וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דֶער מָארְגְן וֶועט קוּמֶען אוּן דִי צָרָה וֶועט נִישְׁט זַיין? ״נִמְצָא מְצַטֵּעַר עַל הָעוֹלָם שֶׁאֵין שֶׁלּוֹ״, הָאסְטוּ זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁטָא.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל, מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, כ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

נִישְׁט בַּאצָאלְן חוֹבוֹת אִיז נִישְׁט אַזַא עַוְלָה וִוי זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג אִיז מֶען אַ לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם; וָואס אִיז דָאס זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן? הָאסְט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן? - זָאג יֶענֶעם: ״אִיךְ גֵיי דִיר בַּאצָאלְן״, ״אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי דִיר צוּ

בַּאצָאלְן", "אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלִיךְ", וְכַדוֹמֶה לָזֶה. רֶעד, עֶנְטְפֶער, קוּם צוּם טֶעלֶעפָאן וֶוען יֶענֶער רוּפְט. יֶענֶער הָאט דָאךְ דִיר גֶעהָאלְפְן וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען צֶעדְרוּקְט, עֶר הָאט דִיר גֶעבָארְגְט גֶעלְט; וָואס אִיז דָאס מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג?!

פָּאלְג וָואס אִיךְ זָאג דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע וֶועם דוּ קוּמְסְט גֶעלְט, אוּן זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם רוּפְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ קוּם דִיר גֶעלְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶער זְמַן הַפֵּרָעוֹן אוּן אִיךְ אִיגְנָארִיר דִיךְ, אִיךְ וִויל דִיר נָאר זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דִיר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּאצָאלְן בִּיזְן לֶעצְטְן פְּרוּטָה; אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיקְל פְּלַאן, אִיךְ וַוארְט אוֹיף גֶעוִויסֶע גֶעלְטֶער אוּן אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן".

וֶוען דֶער מַלְוֶה וֶועט הֶערְן אַז דוּ טְרַאכְסְט נָאךְ פוּן בַּאצָאלְן וֶועט שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין דִי חֵמָה, אוּן וֶוען עֶר וֶועט הֶערְן אַז דוּ בֶּעטְסְט אִים אִיבֶּער אוּן אַז דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט זַיין טִיר פַאר דִיר - וֶועט עֶר אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דוּ וֶועסְט אִים בַּאצָאלְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

דָאס זָאלְסְטוּ שׁוֹין טוּן גְלַייךְ נָאךְ לֵיינֶען דֶעם בְּרִיווּ; נֶעם זִיךְ צַאם, שְׁרַייבּ אַרָאפּ אַלֶע נֶעמֶען, אַלֶע חוֹבוֹת, נֶעם דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן הוֹיבּ אָן רוּפְן.

צְוֵוייטְנְס זָאלְסְטוּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג גֵיין אִין פֶעלְד, וואוֹינְסְט דָאךְ אִין שְׁטֶעטְל צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער; גֵיי אִין פֶעלְד אוּנְטֶער דַיין הוֹיז, דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין צִי טִיף, גֵיי אַבִּיסְל אַרַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, קֶענְסְט אַהִין טְרָאגְן אַ בֶּענְקְל; דָארְט זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי וֶוערְטֶער, זָאג דִי גֶעבֶּעט:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ, אִיךְ זִינְק אִין חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען הַלְוָאוֹת פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְס - אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט זֵיי צוּ בַּאצָאלְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַארְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְן, אִיז פוּן וואוּ זָאל אִיךְ נֶעמֶען גֶעלְט זֵיי צוּ בַּאצָאלְן?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט; וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? וָואס זָאג אִיךְ פַאר זֵיי?

אָנָּא, אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "יֵשׁ עֲבֵרָה שֶׁעֲנָשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִלּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז אַז מֶען אִיז אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ בַּעַל חוֹב, וָואס מֶען זָאל נָאר נִישְׁט טוּן - וֶועט מֶען אַלְץ בְּלַייבְּן אַ בַּעַל חוֹב; דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן.

עַל כֵּן בָּאתִי לְפָנֶיךָ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדֶעסְנַיי, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואויל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, זַיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, מַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג מִיט אַ קְבִיעוּת, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועטֶער; זָאל רֶעגֶענֶען, שְׁנֵייעֶן, דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן; דוּ גֵיי מִיט אַ קְבִיעוּת.

דְרִיטְנְס, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן דִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט, זֵיי זָאלְסְטוּ אַלְץ בַּאדַאנְקֶען, אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען זֵיי רוּפְן דִיר אוּן צוּמָאל וֶועלְן זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט רֶעכֶענֶען פַאר דַיינֶע פַיינְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דַיינֶע פַיינְט, זֵיי זֶענֶען דַיינֶע פְרַיינְט, זֵיי הָאבְּן דִיר דָאךְ גֶעבָּארְגְט, גֶעעֶפֶנְט דֶעם טִיר בְּעֵת דַּחְקוּת, דוּ בִּיסְט דַיין פַיינְט, זֵיי זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹב זַיין.

אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן יֶעדֶע וָוארְט פוּנֶעם בְּרִיוו וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט אָפְּצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ בְּלַייבְּן מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ פָאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ קַיין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיים תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

...

## הַאַלְטְן רֵיין אִינְדְרוֹיסְן, דִי בֶּערְן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, כ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מֶען דַארְף טְרַאכְטְן וָואס מֶען קֶען טוּן, דֶער זוּמֶער אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אָבֶּער דִי בֶּערְן זֶענֶען שׁוֹין דָא; וָואס וֶועט זַיין זוּמֶער? אֶפְשָׁר הָאסְטוּ אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען דָא טוּן?

דִי בֶּערְן קוּמֶען צוּ מִיסְט; דִי בֶּערְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, זֵיי קוּמֶען צוּ מִיסְט; מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן.

דָאס אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאַלְטְן רֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן נָאכְרוֹימֶען נָאכְן עֶנְדִיגְן שְׁפִּילְן, אוּן פְּרוּבִּירְן פַּארְמַאכְן דִי מִיסְט קַאנֶעס.

רֶעד מִיט דַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט דִי חֲבֵרִים - וָואס מֶען קֶען טוּן פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט קֶעגְן צַדִּיקֵי אֱמֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, כ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע? אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶערֶעדְט מִיט דִיר קֶעגְן צַדִּיקֵי אֱמֶת ווִילְסְטוּ מִיט אִים עֶפֶענֶען אַ שׁוּל?! דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז נָאכְן רֶעדְן מִיט אִים בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן גוּט צֶעמִישְׁט, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת קֶעגְן מוֹהֲרַא״שׁ, בִּיז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת - הָאסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן - בִּיסְטוּ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ; יֶעצְט ווִילְסְטוּ גֵיין מִיט אִים זִיצְן בַּיי אֵיין טִישׁ? וָואלְסְט גֶעזִיצְן מִיט אַ רוֹצֵחַ בַּיי אֵיין טִישׁ?!

אִיךְ רֶעד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיסֶער מִיט דִי וֶועם אִיךְ בִּין נָאר חוֹשֵׁשׁ אַז זֵיי ווילְן מִיר אָנְרֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקֵי אֱמֶת.

נְקוֹט הַאי כְּלָלָא בְּיָדְךָ: 'וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף מוֹהֲרָא"ש - אִיז אַ נוֹאֵף', אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט; אֵיי עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס, עֶר גֵייט מִיט אַ קַאפְּטְן, מִיט אַ וַוייסֶע קַאפֶּעלֶע... אִיז דֶער תֵּירוּץ אַז מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ גֶעלֶע קַאפְּטְן, מִיט אַ וַוייסֶע קַאפֶּעלֶע אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער נוֹאֵף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיר זָאלְט וַוייטֶער זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט לִיבּ סְקוּל, אִיר הָאט לִיבּ אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס. אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג מָאל תְּהִלִּים.

אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס זָאגְן אוֹיף אַייךְ נָאר גוּטֶע גְרוּסְן; וֶוען אִיךְ פְרֶעג אַ נָאמֶען פוּן אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע מֵיידְל, זָאגְן אַלֶע אַייעֶר נָאמֶען צְווִישְׁן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע מֵיידְלֶעךְ. דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ צוּרִיק, אִיךְ וִויל אַייךְ שְׁטַארְקְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אִיר מַאכְט נַחַת פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

### שְׁוַוייגְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֶנְטְפֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְרַאגֶע.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳, אוּן וֶוען מֶען הַאלְט פָּאר וְכוּ׳; בִּפְרַט וֶוען מֶען רֶעדְט קֶעגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג - דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דֶעם פִינְפְטְן טָאג) אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמוּעֶס, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ בַּארוּמְט מִיט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה, אַ קְלֵיינֶע מָקוֹם וָואס הַאלְט אִין זִיךְ אַסַאךְ, "אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט אַז זַיין שְׁוַוייגְן אִיז מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְּרוּבָּה. וַוייל עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מְקַטְרִיגִים אוּן בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע וָואס רֵיידִין אוֹיף אִים, מֶען קְרִיגְט אוֹיף אִים אוּן מֶען רֶעט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר שְׁוַוייגְט, דָאס אִיז זַיין תִּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען רֶעט אוֹיף אִים. מִיט זַיין שְׁוַוייג פַארֶענְטְפֶערְט עֶר אַלְץ. נִמְצָא אִיז זַיין שְׁוַוייגְן אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְּרוּבָּה".

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט: "הַשְּׁתִיקָה תְּשׁוּבַת הַכְּסִיל", שְׁוַוייגְן אִיז דֶער עֶנְטְפֶער פַארְ׳ן נַאר; טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, פַארֶענְטְפֶער זִיךְ נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם. אַז מֶען וֶועט דִיר פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ ׳בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעמַאכְט פַאר שְׁוַואכֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גָאלְדֶענֶער אִיד׳ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, שְׁפֶּעטֶער גֵיי אִין אַ זַייט אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעטוּן וֶוען אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, מֶען הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען; עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, מַעֲשֶׂה א): "אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז בְּוַודַּאי יָא דָא".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ הָאף זִיךְ צוּ זֶען מִיט דִיר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הֶעלְפְן יֶענֶעם גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**
**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַסַאךְ הָאבְּן דִי זַאךְ אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט; דָאס קְלַאפְּט אוֹיס צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ, מֶען ווַארְט אוֹיף אַ גוּט וָוארְט אוּן וֶוען מֶען בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט וֶוערְט מֶען אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז יֶענֶעם הֶעלְפְן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין אַייעֶר פַּאל וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ אַז אַייעֶר מַאן זָאגְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף אַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אַ גוּט וָוארְט, וֶוען אִיר קוֹיפְט זִיךְ אַ נַייעֶ קְלֵייד זָאגְט עֶר גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען אִיר טוּט זִיךְ אָן שֵׁיין פַאר אִים זָאגְט עֶר אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז, אִים הֶעלְפְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; פְרֶעגְט אִים: "דֶער קְלֵייד אִיז שֵׁיין?" "דִי שִׁיךְ צֵייגְט גוּט אוֹיף מִיר?" אֶפְשָׁר אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט ווִיסְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן; דָאס אִיז נִישְׁט ווַייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דִי זַאכְן, עֶר וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט דִי זַאכְן, עֶר ווַארְט אִיר זָאלְט זִיךְ שֵׁיין אָנְטוּן אוּן צֵייגְן גוּט וְכוּ'; עֶר וֵוייסְט נָאר נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט פוּן דִי זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען.

אַזוֹי אִיז מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער; פוּן ווַארְטְן אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, מֶען דַארְף זַיין דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן הֶעלְפְן יֶענֶעם גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, נָאכְן עֶסְן אַז אַייעֶר מַאן זָאגְט נִישְׁט "שְׁכֹּחַ פַאר דִי עֶסְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען" - זָאלְט אִיר אִים פְרֶעגְן: "דִי עֶסְן אִיז גוּט גֶעוֶוען? הָאסְט הֲנָאָה גֶעהַאט?" אוּן עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן "יָא"; צוּבִּיסְלִיךְ וֶועט עֶר שׁוֹין אַלֵיינְס זָאגְן: "שְׁכֹּחַ פַאר דִי עֶסְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לַ״ג בָּעֹמֶר שְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פַּייל אוּן בוֹיגְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָּר, כ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִין לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ בַּיי אַ פַּייל אוּן בוֹיגְן, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַעַם פוּן צַדִיקִים, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקּוּנִים, תִּיקּוּן יח, דַף לו:) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: ״לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא עַד דְתֶחְזֵי קַשְׁתָּא בִּגְוָונוֹי נְהִירִין״, דֶער סִימָן פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ וֶועט זַיין וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַ קֶשֶׁת בְּגַוְונוֹי נְהִירִין; לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס בְּרֶענְגְט מָשִׁיחַ, דֶערְפַאר גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס אִין פֶעלְד שְׁפִּילְן מִיט אַ קֶשֶׁת, מְרַמֵז צוּ זַיין אַז לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז אַ צַייט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ.

זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער לַ״ג בָּעֹמֶר, גֵיין מִיט זֵיי אִין פֶעלְד; מֶען זָאל שִׁיסְן מִיטְ׳ן בוֹיגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, רֶעד צוּ זֵיי פוּן שְׂכַר וָעֹנֶשׁ. אוֹיבּ מֶען טוּט מִצְוֹת בַּאקוּמְט מֶען גַן עֵדֶן, קִינְדֶער דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן גַן עֵדֶן לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד; אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָא עוֹנְשִׁים, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי עוֹנְשִׁים.

...

## קֶענְסְט הֶערְן זַאכְן בִּשְׁעַת דוּ לֶערְנְסְט סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָּר, כ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

כַאפּ אַרוֹיס אַבִּיסְל צַייט אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה״, בִּפְשָׁטוּת מֵיינְט מֶען אִים צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּתְ׳דִיגֶע שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אָבֶּער דֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפד) אַז 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְּזֵלָה', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ"; דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה' הָאסְט אַרָאפְּגֶע'גַנְבֶ'עֶט צַייט צוּ לֶערְנֶען? הָאסְט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן דַיין פַּארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹרָה?

קֶענְסְט הֶערְן שִׁיעוּרִים בִּשְׁעַת דוּ לֶערְנְסְט סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ הֶערְן מוּזִיק בִּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט אַרוֹיס צַייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זֶע צוּ מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפה): "עַל סֵפֶר הַתִּקּוּנִים לְבַד לֹא יַסְפִּיקוּ אֲלָפִים סְפָרִים לְבָאֵר עֹצֶם רִבּוּי הַסּוֹדוֹת שֶׁיֵּשׁ שָׁם", טוֹיזְנְט סְפָרִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַארְשְׁטֵיין צוּ גֶעבְּן דִי סוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים; עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן, אוֹיךְ שַׁבָּת נָאךְ לַ"ג בָּעֹמֶר; אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גוּטֶע גְרוּסְן פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָּר, כ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לִכְבוֹד דִי טַייעֶרֶע גַבָּאִים שֶׁיִּחְיוּ פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט זָאגְן, עֶס הָאלְט אִין אֵיין קוּמֶען צוּ מִיר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי גֵיי אִיךְ אִין גַאס, שְׁטֶעלְט מִיךְ אָפּ אַ פְּרֶעמְדֶער אִיד אוּן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן מִיט אַ פֵייעֶר; עֶר זָאגְט מִיר: ״אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מִיט נָאךְ אַ אִיד אַ תַּלְמִיד חָכָם, מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים; אַזַא שׁוּל! אַזַא עֶרְנְסְטְקֵייט! אַזַא אַחְדוּת! אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע נִיגוּנִים זִינְגְט מֶען דָארְט, אוּן מֶען לֵיינְט פָּאר אַ בְּרִיוּו״; דֶער אִיד זָאגְט מִיר: ״יֶענֶער אִיד, דֶער תַּלְמִיד חָכָם זָאגְט מִיר ׳עֶס זֶעט אוֹיס וִוי יֵשׁ דְּבָרִים בְּגוֹ, עֶס אִיז נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן׳״.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ קוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אִיךְ וֶועל זַיין אִין מִירוֹן בִּיז נָאךְ שַׁבָּת, נָאךְ שַׁבָּת קוּם אִיךְ צוּ עֶנְק; אִיךְ ווִיל בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר, אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיט עֶנְק אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט עֶנְק.

נָאךְ אֵיין זַאךְ, אִיךְ ווִיל זִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים. זַייט מוֹדִיעַ פַּאר אַלֶע בָּחוּרִים אַז אִיךְ ווִיל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט זֵיי; אֶפְשָׁר מָאנְטָאג אִינְמִיטְן טָאג. בִּיטֶע נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין קַיין שׁוּם צֶעטְלֶעךְ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין אָנְלוֹיפֶענִישׁ, אִיךְ ווִיל זִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מֵפִיץ אוּן דִי בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן אִין שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָּר, כ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִין לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס אִיז

דָא כַּמָּה טַעֲמִים בָּזֶה. אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנִים, תִּיקּוּן יח, דַּף לו:): "וְסִימָנָא דָא יְהֵא בִידָךְ", דָאס זָאל זַיין דַיין סִימָן, "עַד דְּתֶחְזֵי קַשְׁתָּא בִּגְוָונוֹי נְהִירִין לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא", וָוען מֶען וָועט זֶען אַ קֶשֶׁת בְּגַוְונוֹי נְהִירִין וָועט מָשִׁיחַ קוּמֶען; דֶערִיבֶּער שְׁפִּילְט מֶען מִיטְ'ן קֶשֶׁת צוּ וַוייזְן אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס אִיז מְסוּגָל לָזֶה.

מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס הַקְדָּמוֹת קֶען זַיין פְּשַׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ וָועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה", אַלֶע זַיינֶע מִלְחָמוֹת, "וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ", אַלֶעס וָואס מָשִׁיחַ וָועט אַיינְנֶעמֶען, "הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶעס וָועט זַיין מִיט תְּפִלָּה; זַיין גֶעוֶוער, זַיין שְׁוֶוערְד, זַיין בּוֹיגְן - וָועט זַיין תְּפִלָּה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט רַשִׁ"י, מִיט תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה; דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט פַאר זַיין זוּן, ווִילַאנְג דוּ וֶועסְט נִישְׁט זֶען אַ קֶשֶׁת בְּגַוְונוֹי נְהִירִין, כָּל זְמַן עֶס אִיז נִישְׁטָא תְּפִלָּה, "לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא", אִיז דָאס נִישְׁט מָשִׁיחַ; דֶער סִימָן פוּן מָשִׁיחַ אִיז קֶשֶׁת הַתְּפִלָּה.

לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ הֵיילִיגֶע טָאג, עֶס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ; נֶעמְט מֶען דִי קִינְדֶער אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ בּוֹיגְן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה - תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### אַ מְנַהֵל וָואס לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער, דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵיידער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מְנֻוָּולִים וָואס זֶענֶען מְטַמֵּא אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַ מְנֻוָּל וָואס לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער און בָּחוּרִים - דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה, מֶען טָאר נִישְׁט מְחַפֶּה זַיין אוֹיף זֵיי, דִי זֶענֶען רוֹצְחִים, מֶען טָאר נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין דִי זַאכְן, וֶועם יָא אַרוֹיסְוַוארְפְן און וֶועם נִישְׁט, וְדַ"ל.

אִיךְ הָאף דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי שִׁיעוּרִים; אֶפְשָׁר וֶועט זַיין פוּן צַייט צוּ צַייט דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין דִי בָּארָא פַּארְק שׁוּל, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ קוּמֶען, עֶס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אֱמוּנָה אִיז דִי מְקוֹר הַבְּרָכוֹת. רַבֵּינוּ אָמַר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לא): "אֱמוּנָה הִיא מְקוֹר הַבְּרָכוֹת, בִּבְחִינוֹת (מִשְׁלֵי כח): 'אִישׁ אֱמוּנוֹת, רַב בְּרָכוֹת'".

...

**הוֹיבּ אָן צוּרִיק הַפָּצָה, וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְרַאגֶע.

דַיין זַאךְ זָאל זַיין הַפָּצָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דִיר דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט זָאלְסְט נִישְׁט טוּן קַיין וְכוּ', אִיז וָואס פְרֶעגְסְטוּ אִיבֶּער?

אַז דוּ וֶועסְט טוּן אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, דוּ וֶועסְט טוּן אִין הַפָּצָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט.

פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס, הוֹיבּ אָן צוּרִיק "הַפָּצָה" - וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט.

אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, זוֹהַר, תִּיקּוּנֵי זוֹהַר וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ, און מִיטָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ

אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְ'ן פְרָאנְט, ווִי אַ סָאלְדַאט גֵייט אִין מִלְחָמָה - מִיט סְפָרִים וְקוּנְטְרֵסִים, דָאס אִיז דִי גֶעוֶוער - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

### גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָאר אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין פֶעלְד מִיט דִי פַייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז קִינְדֶער שְׁפִּילְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט פַייל אוּן בּוֹיגְן.

עֶס אִיז דָא כַּמָּה טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז אוֹיף דֶעם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית ט, א; תּוֹסְפוֹת עֲבוֹדָה זָרָה טז ע"ב, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל דִּימוֹס) וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ הָאט עֶר גֶעזֶען אֵיינֶער פַאנְגְט פֵייגֶלֶעךְ, עֶס קוּמְט אַ פֵייגְל, עֶס וֶוערְט כִּמְעַט גֶעפַאנְגֶען אוּן פְּלוּצְלוּנְג פְלִיט דִי פֵייגְל אַוֶועק, נָאכְדֶעם קוּמְט אַ פֵייגְל אוּן עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "סְפִּיקוּלָא" גֶעכַאפְּט! אוּן דִי פֵייגְל וֶוערְט גֶעפַאנְגֶען, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען"; דֶערִיבֶּער שִׁיסְט מֶען לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ וַוייזְן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לֶערְנְט אוּנְז, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פֶערְצוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָּחָה נִפְלָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד, שְׁפִּיל מִיט זֵיי, טַאנְץ מִיט זֵיי, פְרֵייְ זִיךְ מִיט זֵיי, אוֹיךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם. לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעלֶערְנְט אִין פֶעלְד מִיט דִי הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָּא: "דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

...

## מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ שְׁוֶועֶרֶערֶע דִּין וְחֶשְׁבּוֹן ווי אַנְדֶערֶע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ שְׁוֶועֶרֶערֶע דִּין וְחֶשְׁבּוֹן ווי אַנְדֶערֶע, מֶען וֶועט אוּנְז פְרֶעגְן 'פַּארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? הָאסְט דָאךְ גֶעהַאט אַ רֶבִּי מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת!'"

דֶער עִיקָר עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען פַּאלְט זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דִי פְּלַאץ נָאר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן; אַזוֹי שְׁטֵייט דָאךְ (דְּבָרִים כב, כז): "צָעֲקָה הַנַּעֲרָה", דֶערִיבֶּער: "אֵין לַנַּעֲרָה חֵטְא מָוֶת", וַוייל זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן, "וְאֵין מוֹשִׁיעַ לָהּ".

דָאס דַארְפְן מִיר טוּן וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אַזוֹי וַוייט... שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ צוּ דִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר**".

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען פַאר דִיר.

...

## נֶעם אַ חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. אַ שָׁאד דִי יוּנְגֶע יָארְן זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט, יֶעצְט אִיז דַיין שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְּן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְנוּצְן דַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן.

זֶען זִיךְ צוּ צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט פָּאר. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי שִׁיעוּר אַזוֹי גוּט, דָאךְ אִיז גוּט צוּ זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר. אָנְהוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער, בִּיז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ מֶער אוּן מֶער, בַּיים סוֹף פַארְשְׁטֵייט מֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע חַבְרוּתוֹת - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאף דוּ לֵייגְסְט אַוֶועק דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אוּן דוּ לֶערְנְסְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

...

**אַז עֶס אִיז דָא אִינְטֶערְנֶעט, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר עֶס נָאכְאַמָאל זָאגְן: "אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין אִין עֶנְקֶער דִירָה קַיין אִינְטֶערְנֶעט אוּן אַנְדֶערֶע כְּלֵי מַשְׁחִיתִים - וֶועט עֶנְקֶער גַאנְצֶע דִירָה, אַלֶע בָּחוּרִים - וֶוערְן בְּקָרוֹב חֲתָנִים, אוּן אַז אִיר וֶועט לָאזְן אִין עֶנְקֶער דִירָה אֲפִילוּ נָאר אֵיין בָּחוּר מִיט אִינְטֶערְנֶעט, מָאוִויס, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים - מִיט אַלֶע סְגוּלוֹת, מִיט אַלֶעס וָואס מֶען וֶועט נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן".

אִיךְ זֶע פַאר דִיר צְוֵויי וֶועגְן, אָדֶער בִּיסְטוּ שְׁטַארְק, דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, דוּ וַוארְפְסְט אַרוֹיס דִי אַלֶע וָואס ווִילְן בְּלַייבְּן מִיט דִי שְׁמוּץ, אָדֶער זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דִי דִירָה, גֵיין שְׁלָאפְן אִין אַ זוֹיבֶּערֶע פְּלַאץ, אָדֶער גָאר אַ דְרִיטֶע וֶועג, בְּלַייבְּן מִיט בָּחוּרִים וָואס קוּקְן נִיאוּף, אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא.

...

**וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב**

**טַייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אֵיינֶע פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט וֶועגְן "פֶּסַח שֵׁנִי" (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת טז).

דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי - אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֵא גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן "קָרְבַּן פֶּסַח" - זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַ טַעֲנָה (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ טָאר נִישְׁט מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פַארְוָואס? אִיךְ ווִיל אָבֶּער אוֹיךְ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה!" משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי ווִילְן פוּן אָט דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, ווַייל וֶוען מֶענְטְשְׁן ווִילְן זַיין גוּט, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: "לָמָּה נִגָּרַע" - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לְטַהֵר", וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ", הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען דָאךְ ווִי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלַל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן לט), מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר" - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין, מֶען וֶועט אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין אַ

לִיכְטִיגֶע וָואךְ, אִין דִי סְפִירָה פוּן הוֹד. דִי וָואךְ זֶענֶען תַּרְעִין פְּתִיחָן, דִי טִירְן זֶענֶען אָפְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, דַף קנג.). דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי גְרוֹיסֶע הִילוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן, אוֹיךְ דִי שַׁבָּת נָאךְ לַ"ג בָּעֹמֶר. נָאךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען אִין אוּנְזֶער שׁוּל, אוֹיךְ וִויל אִיךְ בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר, דִי צֹאן קָדָשִׁים.

אִיךְ וִויל אַייךְ נָאר בֶּעטְן אֵיין זַאךְ. רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט אִין זוֹהַר, אֵיידֶער עֶר הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי הֵיילִיגֶע סוֹדוֹת אִין פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דִי אִדְרָא קַדִישָׁא, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַ לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶרְ'ן מִיט אוּנְז, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲבֵרִים (נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זַיין חֲבֵרִים, אוּנְזֶער כֹּחַ אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבְן, "אֲנָן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ; בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים מוּזְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר מוּזְן זִיךְ לַיידְן. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת".

זַייט מִיר נִישְׁט מְפַרְסֵם, זַייט עֶנְדֶערְשׁ מְפַרְסֵם דִי נוּמֶער פוּן דִי שִׁיעוּרִים, דִי בְּרִיוו אוּן גִלְיוֹנוֹת. גֵייט הַפָּצָה מִיט דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתֻרְגָּם; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס; נִישְׁטָא אַ קוּנְטְרֵס וָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן דֶערִין, יֶעדֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז דָא דֶערִין אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

אִיךְ וֶועל זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין יְרוּשָׁלַיִם זוּנְטָאג; דִי גַבָּאִים וֶועלְן שׁוֹין מוֹדִיעַ זַיין וֶוען אוּן וואו, אִיךְ דַארְף נִישְׁט מֶען זָאל מִיךְ מְפַרְסֵם זַיין.

שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין מִירוֹן. אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְלַיידֶענֶען מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין דָארְט אַלֵיינְס אַ גַאסְט. אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט נָאךְ שַׁבָּת צוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט עֶנְק, מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן פוּנְדָאסְנֵיי, פְרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן, אָנְהוֹיבְּן נוּצְן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַ שָׁאד דָאס

נִישְׁט צוּ טוּן, מֶען וֶוערְט דָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים וְוִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְּרַיינְט; דָאס לֶעבְּן וֶוערְט אַזוֹי זִיס, אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע מְרִירוּת אִיז כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה; וְוִי נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ 'עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פִירְט מִיךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיינְס, אִיךְ בִּין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט' - וֶוערְט אַלֶעס גוּט.

בְּנוֹגֵעַ מִירוֹן; וֶוער עֶס קֶען קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - זָאל זִיכֶער קוּמֶען, בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי בַּאקוּמְט מֶען יְשׁוּעוֹת. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַ לָשׁוֹן (בְּרָכוֹת ט.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק", דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, וֶוען עֶס דְרוּקְט, וֶוען מֶען אִיז בִּדְחַק - קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי; אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ שְׁלָאגְן צוּצוּקוּמֶען בִּיזְן צִיוּן, אִינֶעם מַעֲרָה.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּפֵירוּשׁ: "דִי גַאנְצֶע הַר מִירוֹן אִיז אַ מָקוֹם צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת"; זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי עֵרֶב רַב. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵיי, דִי עֵרֶב רַב זֶענֶען רוֹצְחִים, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאבְּן מִיט זֵיי. מִיר הָאבְּן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וואוּ מֶען שְׁטֵייט - קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ זַיין מִיט עֶנְק.

...

### מֶען זִינְגְט בַּר יוֹחָאִי דֶעם שַׁבָּת פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

ווארוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ

זַיין אַ שַׁמָּשׁ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף סֵדֶר, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְקֵרוּת, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן; מֶען דַארְף קֶענֶען גֵיין לְרוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ גַבְּאַי שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

צַדִיקִים זָאגְן, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן גַבְּאַי אִיז אָ׳נָּא בְּ׳כֹחַ גְ׳דוּלַּת יְ׳מִינְךָ, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת, אַ שַׁבָּת פַאר לַ״ג בָּעֹמֶר, פִירְן מִיר זִיךְ צוּ טַאנְצְן ״בַּר יוֹחָאִי״, אוֹיךְ דֶעם שִׁיר ״אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא״ - פַאר מֶען זָאגְט כְּגַוְנָא, דָאס הֵייסְט נָאךְ קַדִישׁ יָתוֹם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### תִּיקוּנֵי זוֹהַר וֶועט דִיר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מַתָּנָה פַאר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

זֶע צוּ לֶערְנֶען תִּיקוּנִים יֶעדְן טָאג.

צַדִיקִים זָאגְן: ״תִּיקוּנֵי זוֹהַר וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה״; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז וִוי אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מַתָּנָה לְהַבָּחוּר ...

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תִּיקוּנִים, עֶס וַואשְׁט אוֹיס דִי נְשָׁמָה.

צַדִיקִים זָאגְן: "תִּיקוּנִים אִיז אַזוֹי וִוי אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה"; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט תִּיקוּנִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מַתָּנָה לְהַבָּחוּר ...

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים, עֶס רֵיינִיגְט דִי נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; פוּן דַיין לֶערְנֶען, פוּן דַיין דַאוֶונֶען אוּן בְּעִיקָר פוּן דַיין בְּרֶען אוּן פְלַאקֶער פַאר הֲפָצָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן

טַייֶערֶע קִינְדֶער, פָארִיגֶע מָאל הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ טְרָאסְטִינֶעצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָ׳ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אַנְטְקֶעגְן דִי שִׁיף, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער:

דֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוֹיפְ׳ן שִׁיף פָארְנְדִיג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַארְ׳ן נִפְטָר וֶוערְן הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: ״וָואלְט מַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוּדְל גֶעוֶועזְן מִיט מִיר דָא אוֹיפְ׳ן שִׁיף - וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט נִפְטָר וֶוערְן דָא אוֹיפְ׳ן שִׁיף״.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶועזְן? רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק,

אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ הָאט גֶעבֶּעטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף: ״גְלַייךְ וֶוען אִיךְ וֶועל נִפְטָר וֶוערְן זָאל מֶען מִיךְ לֵייגְן אוֹיף אַ בְּרֶעט אִין וַואסֶער״; אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, וֶוען דֶער צַדִיק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שִׁיף גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן גוּף אוּן אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ׳ן וַואסֶער אוֹיף אַ בְּרֶעט.

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַ שַׁיין פוּן פַּייעֶר גֵייט אַרוֹיף בִּיזְן הִימְל, זֵיי קוּקְן גוּט אוּן זֶעעֶן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַ פַּייעֶר זוֹיל גֵייט פוּ נֶעם הֵיילִיגְן גוּף פוּנֶעם צַדִיק בִּיזְן הִימְל, דֶער בְּרֶעט אִיז גֶעשְׁוִוימֶען בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בָּארְטְן.

נִישְׁט וַוייט פוּן יַם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט, דָארְט הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ חָכָם וָואס הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים, אוֹיסֶער אֵיינֶעם זָאל מֶען לֵייגְן נֶעבְּן אִים, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁוִוימֶען אַ נִפְטָר מִיט אַ פַּייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל - זָאל מֶען יֶענֶעם בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים.




דִי פַייעֶר זוֹיל גֵייט פוּנֶעם נִפְטָר בִּיזְן הִימְל

יֶעצְט וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעזֶען דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וִוי עֶס קוּמְט צוּ שְׁוִוימֶען אַ נִפְטָר מִיט אַ פַייעֶר זוֹיל בִּיזְן הִימְל, זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם נִפְטָר, און מֶען הָאט בַּאעֶרְדִיגְט דֶעם צַדִיק רֶבִּי לֵייבּ נֶעבְּן יֶענֶעם חָכָם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן גֶעבֶּעטְן: "זַייט מְקָרֵב מַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַייךְ"; דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר ווִיל אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן, זַיינֶע קִינְדֶער; זַיינֶע זִין, בִּפְרַט זַיין אֵיידֶעם דֶער צַדִּיק רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס נֶעמֶען מִיר אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע צַדִּיקִים וָואס וֵוייסְן אַלֶעס אוּן קֶענֶען אַלֶעס, ווִילְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן; מֶען בַּאקוּמְט אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִינְגֶען: "טַאטֶע אִיךְ ווִיל נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ דַארְף נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ ווִיל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר".